# לוח הציבור

טעגליכע אויסגאבע
אין בארא פארק

~ וועטער ~

היינט
זיניג
87° - 65°

מארגעי
זיניג
86° - 68°

718.303.4300
718.865.4231
luachads@gmail.com

וויליאמסבורג
דבר יום ביומו 718-384-4190

INTERNATIONAL
Chesed Helpline
*A historical breakthrough in Olam Hachesed*

One number to remember
718.705.5000

For information on and to be connected to;
Hospital Related Information
Bikur Chlim • Bus Schedules
Catskill Info Line • 24 Hour Pharmacies
Medical Referrals
Emergency Numbers Nationwide*
Community Services & Organizations
and much more...

*Not to replace emergency numbers, for informational purposes only

## ~ זמנים ~

| | היינט | מארגען |
|---|---|---|
| עלות | 4:12 | 4:12 |
| נץ | 5:24 | 5:24 |
| סו"ז קר"ש מג"א | 8:34 | 8:34 |
| סו"ז קר"ש גר"א | 9:10 | 9:10 |
| סו"ז תפלה מג"א | 10:02 | 10:02 |
| סו"ז תפלה גר"א | 10:26 | 10:26 |
| מנחה גדולה | 1:40 | 1:40 |
| מנחה קטנה | 6:03 | 6:03 |
| חצות | 12:57 | 12:57 |
| שקיעה | 8:29 | 8:29 |
| ר"ת | 9:41 | 9:41 |

## ~ שיעורים ~

| | |
|---|---|
| תהילים | לה-לח/כו-ל |
| משנה יומית | ידים ד, ה-ו |
| דף היומי | מכות יד |
| דף הירושלמי | כלאים יח |
| הלכה יומית | או"ח תצח, ד-ו |
| חפץ חיים | לה"ר ג, א-ב |
| תניא | כי הן -ויתעלה (צ) |

## ערש"ק פרשת חוקת
Friday, June 18 | ו' תמוז - תש"ע לפ"ק

**זמן הדלקת הנרות 8:14 זמן מוצאי שבת 9:41**
**סו"ז קריאת שמע מג"א 8:34 סו"ז קריאת שמע גר"א 9:10**

PARNASSA SEMINAR
די גורל וועט פארקומען צוזאמען מיט א
"פרנסה סעמינאר"
באגלייט מיט גאר א זעלטענע און רייכע פראגראם.
קומענדיגן דינסטאג אנגעהויבן פון 8:00 אווענט
עס לוינט זיך מיטצוהאלטן!

באקומט כסדר'דיגע אפדעיטס!
Text WIN130 to 43704

פרנסה ראפעל
$130,0000
104 x $1,250 = $130,000

נאך 4 טעג
קומענדיגן דינסטאג, פרשת בלק

אם לא עכשיו אימתי?

רופט שוין
718.705.9090

לאו בכל יומא מתרחש
130,000 דאלער!

צו אדווערטייזען אדער צו מעלדן אייער שמחה ביטע רופט: 718-303-4300

# שמחות

חתונות • בר מצוה • וואך נאכט • ברית

## עלי' לתורה

| | | |
|---|---|---|
| החתן יוסף שלמה נ"י<br>בן ר' אהרן וועבער הי"ו | ביהמ"ד<br>בעלזא 13-43 | הכלה תחי'<br>בת ר' אהרן חיים וואלקאן הי"ו |
| החתן יוזפא נ"י<br>בן ר' שלום חיים פריעדלענדער הי"ו | ביהמ"ד<br>ליסקא 1449 50 | הכלה חי' שרה תחי'<br>בת ר' שמואל דוד יעקב הכהן כ"ץ הי"ו |
| החתן אלחנן נ"י<br>בן ר' משה יוסף שמואל גוטטמאנן הי"ו | ביהמ"ד<br>כונת הלב 1654 43 | הכלה תחי'<br>בת ר' זאב דוב הערשקא הי"ו |
| החתן יעקב יוסף נ"י<br>בן ר' אברהם ברוך ראזענבערג הי"ו | ביהמ"ד<br>ראחמיסטריווקא 1164 45 | הכלה תחי'<br>בת ר'מרדכי שבתי שימאן הי"ו |
| החתן שמואל נ"י<br>בן ר' יוסף חיים ביגעלייזען הי"ו | ביהמ"ד<br>בעלזא 15-50 | הכלה תחי'<br>בת ר' הערשל שטערנבערג הי"ו |
| החתן חנוך נ"י<br>בן ר' חיים ברוך כ"ץ הי"ו | ביהמ"ד<br>בביהמ"ד נטעי גבריאל 15/16-40 | הכלה תחי' |

## שבת שבע ברכות

| | | |
|---|---|---|
| החתן שלמה מרדכי נ"י<br>בן הרה"ג ר'שלום נח סג"ל ווייס שליט"א<br>דומ"ץ אורשיווא | באולם<br>הילמאן פלאזא 5301-14 | הכלה תחי'<br>בת הרה"ג ר' בנציון מאנדל שליט"א<br>בן הגאון ר' יצחק שליט"א דומץ ק"י |
| החתן שמעון קלמן נ"י<br>בן ר'אלעזר דוב סאלאף הי"ו | באולם<br>ותיקין 51 12-13 | הכלה פייגא לאה תחי'<br>בת ר' נתן שמואל אלטמאן הי"ו |
| החתן ישראל הורוויץ נ"י<br>בן אדמו"ר מבאסטאן שליט"א | באולם<br>ראפשיץ 1875 53 | הכלה אסתר רחל תחי'<br>בת הרה"צ יצחק מאיר טווערסקי שליט"א |
| החתן נתן נ"י<br>בן ר' אבא גארדאן ה"ו | באולם<br>ראסלאוויץ 1683 59 | הכלה טילא תחי'<br>בת משה מאיר ארנשטיין הי"ו |
| החתן נ"י<br>בן ר' יודא יעקב יוסף שטיין הי"ו | באולם<br>הילמאן פלאזא 5301-14 | הכלה תחי'<br>בת ר'יוסף בנימין שטערן הי"ו |
| החתן נ"י<br>בן ר' יצחק חנני' יו"ט ליפא פריעדמאן הי"ו | ביהמ"ד<br>בית אשר דלובלין 1226 41 | הכלה תחי'<br>בת הרב מנחם מענדל אלימלך גאלד שליט"א |
| החתן נ"י<br>בן ר'יעקב מיטטעלמאן הי"ו | באולם<br>פאראדייס מענאר 5802 N/U | הכלה תחי'<br>בת ר' משה אר' פריינד הי"ו |
| החתן נ"י<br>בן הגה"צ צבי ישכר דוב כ"ץ שליט"א<br>אבד"ק בית יוסף צבי דושינסקיא | ביהמ"ד<br>בני נפתלי צבי איליבוב 1033 57 | הכלה תחי'<br>בת הגה"צ יצחק אייזיק רובין שליט"א<br>אבד"ק אילינוב |
| החתן נ"י<br>בן ר'בן ציון מארקאוויטש הי"ו | באולם<br>אמנת ישראל 4310 16 | הכלה תחי'<br>בת ר'שלמה פנחס עטטינגער הי"ו |
| החתן נ"י<br>בן ר' רבינו איזראעל הי"ו | באולם<br>דברי חיים זמיגראד 1214 43 | הכלה תחי'<br>בת ר' שלום קרעמער הי"ו |

## קידוש

| |
|---|
| ר' יעקב רויזענבערג הי"ו ב"ר מנחם מענדל הי"ו<br>בביהמ"ד וויזניץ 53 N/U |
| ר' עזרא משה עליון הי"ו<br>בביהמ"ד בעלזא 15-50 |
| ר' ישראל לאנגסאם הי"ו בן הרה"ג ר' אלימלך שליט"א<br>בביהמ"ד בעלזא 15-43 |



To Advertise Or To Place Your Simcha Please Call: 718-303-4300

# דברי תורה לפר' חקת

**י.י. שלאמאוויטש**

**וַיְדַבֵּר ה' אֶל משֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן לֵאמֹר: זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה ה' לֵאמֹר וגו'. (יט, א-ב)**

ס'שטייט דאך שוין אין פריערדיגען פסוק לֵאמֹר? פון דא קען מען זאגען א רמז צו די הלכה פון שולחן ערוך (סימן תרפ"ה סעיף ז') אז עס איז א חיוב דאורייתא צו ליינען פרשת פרה, דערפאר שטייט זאת חקת התורה אשר צוה ה' לאמר אז השי"ת האט געהייסען אז די פרשה "לֵאמֹר" - זאל מען ארויסזאגען, דאס מיינט ליינען די פרשה אין די תורה.

תורת משה להחת"ם סופר

--

**זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה וגו' וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ פָרָה אֲדֻמָּה תְּמִימָה אֲשֶׁר אֵין בָּהּ מוּם אֲשֶׁר לֹא עָלָה עָלֶיהָ עֹל: (יט, ב)**

.. דורכ'ן תורה איז מען ממשיך אויף אראפ א פָרָה אֲדֻמָּה תְּמִימָה, דאס מיינט אז די אידן זאלן זיין תמימים אן קיין פעלער אין קיינע פון זייערע איברים, אֲשֶׁר אֵין בָּהּ מוּם - אז עס זאל זיי נישט פעלן קיין שום זאך וואס זיי דארפן, אֲשֶׁר לֹא עָלָה עָלֶיהָ עֹל - ס'זאל נישט קענען ארויפגעצווינגען ווערן אויף זיי עול מלכות ועול דרך ארץ. און דאס אלעס קען מען פועל'ן דורכ'ן תורה. ווייל כל המקבל עליו עול תורה, מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ.

נועם אלימלך

--

**זאת חקת התורה – רש"י: לפי שהשטן ואומות העולם מונין את ישראל לומר מה המצוה הזאת ומה טעם יש בה לפיכך כתב בה חקה.**

פארוואס דוקא ביי די מצוה פרעגן זיי דעם טעם? ס'זענען דאך פאראן נאך מצוות וואס מיר ווייסן נישט דעם טעם און זיי זענען גארנישט נייגעריג?

ענטפערט דער הייליגער זלאטשובער מגיד זי"ע, אז רש"י זאגט שפעטער נאך בשם ר' משה הדרשן אז די פרה אדומה קומט מכפר זיין אויפ'ן חטא העגל. דעריבער פרעגן די גוים דוקא דערויף, ווייל זיי ווילן מעורר זיין א קטרוג אויף אידישע קינדער. האט דער אויבערשטער באפוילן בלשון חקה, אז מען זאל זיי נישט ענטפערן דעם טעם, נאר זאגן ס'איז א חק בלי טעם.

אורח לחיים - זלאטשוב

--

**זאת חקת התורה – רש"י: לפי שהשטן ואומות העולם מונין את ישראל לומר מה המצוה הזאת ומה טעם יש בה לפיכך כתב בה חקה גזירה היא מלפני ואין לך רשות להרהר אחריה:**

ושמעתי בשם הרב הצדיק מהר"מ מפרעמישלאן זלל"ה לפרש: אז צום ערשט קומט דער היצה"ר אוועקצושטופן דעם מענטש פון דבר ה' און זאגט אים: מה המצוה הזאת – וואס איז דאס די מצוה? פארוואס זאלסטו עס טוהן? ווען דער מענטש איז זיך מתגבר אויפ'ן יצה"ר און טוט יא די מצוה, קומט ווידער דער יצה"ר און מאכט גרויס די מצוה: ומה טעם יש בה – אה ווי געשמאק איז די מצוה וואס דו האסט יעצט געטוהן! דאס טוט ער כדי דער מענטש זאל זיך גרויסהאלטן.

לפיכך כתב בה חקה: גזירה היא מלפני - עס איז א גזירה, מען מוז סיי ווי טוהן די מצוה ווייל אזוי האט דער אויבערשטער געהייסן. און ווען דו האסט עס שוין געטוהן, ואין לך רשות להרהר אחריה – טארסטו נישט נאכטראכטן דערפון.

און די זעלבע קען מען טייטשן די תפילה והסר שטן מלפנינו ומאחרינו.

אך פרי תבואה

--

**זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה ה' לֵאמֹר .. וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ פָרָה אֲדֻמָּה תְּמִימָה (יט, ב)**

רש"י: לפי שהשטן ואומות העולם מונין את ישראל וכו' לפיכך כתב בה חקה גזירה היא מלפני ואין לך רשות להרהר אחריה:

לכאורה פארענטפערט דאס נישט די פראגע פון די גוים. זיי פרעגן וואס איז די טעם, און מען ענטפערט זיי אז דאס איז א חקה, און מען טאר נישט מהרהר זיין דערויף?

נאר די טעם איז אוודאי אזוי ווי ר' משה הדרשן שרייבט: תבוא אמו ותקנח צואת בנה. אבער ס'איז נאך אלץ שווער, ווייל דער רמב"ן שרייבט אין פרשת כי תבא אז דערפאר זענען נאר געשטארבן דריי טויזנט אידן ביים עגל, ווייל די אנדערע האבן נאר געזינדיגט במחשבה, אבער נישט בפועל. לויט דעם איז שווער, פארוואס האט נאך אויסגעפעלט א כפרה, טאמער די וואס האבן געזינדיגט ביים עגל זענען שוין געשטארבן דארט? נאר ווייל ביי עבודה זרה איז מען מעניש אויך אויפ'ן מחשבה אן קיין מעשה.

איצט קען מען פארשטיין, ווייל די אומות העולם ווייסן די טעם אז דאס קומט מכפר זיין אויפ'ן חטא העגל, אבער זיי איז שווער געווען אז די חוטאים זענען דאך שוין געשטארבן? דערויף קומט די תירוץ, גזירה היא מלפני ואין לך רשות להרהר אחריה, אז אויף די עבירה פון עבודה זרה איז א גזירה אז מען טאר אפילו נישט מהרהר זיין און מען דארף א כפרה אויף אויפ'ן הרהור





צו אדווערטייזען אדער צו מעלדן אייער שמחה ביטע רופט: 718-303-4300




## שלום זכר

ר' נחמן חיים ראובן באבאד בן הרה"ג ר' מרדכי שליט"א חתן הרה"ג ר' דוד שלמה שטיין שליט"א
בביהמ"ד פאלטישאן 1133 49

ר' נפתלי הי"ו ב"ר אליעזר ליפשיץ הי"ו חתן ר' משה אויש הי"ו
בביהמ"ד סטיטשין 1266 50

ר' יואל פרענקל הי"ו חיים אפרים הי"ו חתן משה נחמי' איידליס הי"ו
בביהמ"ד סאטמאר 52 N/U

ר' אברהם אלעזר שווארץ הי"ו ב"ר משה יוסף הי"ו
בביהמ"ד קלויזענבערג 1420 50

ר' משה יצחק פראנק ב"ר שלמה צבי הי"ו
בביהמ"ד בעלזא 45

ר' יוסף בר-חורין ב"ר וואלף הי"ו
בביהמ"ד בעלזא 43-13

ר' מרדכי' ישעי' פוקס הי"ו ב"ר אהרן משה הי"ו חתן ר' יוחנן פליישמאן הי"ו
בביהמ"ד בעלזא 43-15

הרב מרדכי שלמה בראנדוויין שליט"א
בביהמ"ד נטעי גבריאל 15/16-40

הרב יוסף מייער שליט"א בן הרה"ג ברוך בנימין שליט"א דומ"ץ קראסנא
בביהמ"ד סקולען 13-54

הגה"צ ר' ישעי' טענענבוים שליט"א
בביהמ"ד אמונת ישראל 16-43/44

## ברית שבת קודש

ר' נחמן חיים ראובן באבאד שליט"א בן הרה"ג ר' מרדכי שליט"א חתן הרה"ג ר' דוד שלמה שטיין שליט"א
בביהמ"ד פאלטישאן 1133 49

## קידוש בר מצווה

הבחור מאיר צבי נ"י בן הרב משה אסטרייכער שליט"א
בביהמ"ד היכל הקודש 1129 42 שחרית 9:15

## שידוכים

| | |
|---|---|
| החתן אליהו נ"י<br>בן ר' דוד יעקב רובין הי"ו | הכלה תחי'<br>בת ר' חיים וואלף הי"ו |
| החתן בנימין נ"י<br>בן ר' מנחם מענדל פארגעס הי"ו | הכלה תחי'<br>בת ר' אברהם לאנגסאם הי"ו |
| החתן אברהם ישעי נ"י<br>בן ר' מנחם יושיע פישער הי"ו | הכלה תחי'<br>בת ר' אהרן וואסערמאן הי"ו |

## יארצייטן: שב"ק פרשת חוקת ז' תמוז

| | |
|---|---|
| רבי ברוך פרענקל תאומים ב"ר יהושע יחזקאל פייוויל | תקפ"ח |
| רבי אהרן משה ב"ר שאול מבראד (תלמיד החוזה) | תר"ו |
| רבי שמחה בונם ב"ר אברהם מרדכי מגור "לב שמחה" | תשנ"ב |

To Advertise Or To Place Your Simcha Please Call: 718-303-4300

ע"ז וואס איז געווען ביים עגל.
כתב סופר

--

**זאת חקת התורה – רש"י: לפי שהשטן ואומות העולם מונין את ישראל לומר מה המצוה הזאת ומה טעם יש בה לפיכך כתב בה חקה, גזירה היא מלפני ואין לך רשות להרהר אחריה:**

פארוואס דוקא ביי די מצוה שטייט חקה? פארהאן נאך חקים ווי כלאים, טבילת כלים?

אין אבוב דר"נ שטייט: ווען איינער איז זיך מדבק אין עוברי עבירה, ווערט ער נענש כיוצא בהם אפילו טאמער ער פירט זיך נישט אויף אזוי ווי זייערע שלעכטע מעשים. די זעלבע פארקערט ווען איינער איז זיך מדבק מיט ערליכע אידן באקומט ער שכר אזוי ווי זיי.

אבער פון פרה אדומה וואלט מען לכאורה געקענט ארויסלערנען אז מען מעג יא א שייכות האבן מיט רשעים, ווייל די פרה אדומה איז אויך מטהר טמאים און מטמא טהורים. קען דאך זיין אז פון די שייכות מיט'ן רשע וועט אויך ארויסקומען א גוטע זאך? מיר זעהן דא אז דער כהן ווערט טמא פאר א צווייטן איד'ס וועגן?!

אבער דער פסוק אין איוב זאגט: מִי יִתֵּן טָהוֹר מִטָּמֵא לֹא אֶחָד. טייטשט מען: מִי יִתֵּן טָהוֹר מִטָּמֵא, ווער קען דען מאכן א טהור פונעם טמא? לֹא אֶחָד - דאס געהער נישט פאר קיינעם נאר דער אחד יחיד ומיוחד, נאר ער מעג, ווייל א בשר ודם קען אריינפאלן און אליין קאליע ווערן פון דעם רשע.

דאס זאגט רש"י: לפי שהשטן ואומות העולם מונין את ישראל, זיי פרובירן צו פאר'נער'ן די אידן, (מונין, מלשון אונאה, אויספאפן) אז פון די מצוה זעהט מען אז מען מעג זיך מיט זיי אנקערן. זיי קומען מיט א לומדות: מה המצוה הזאת, פונקט ווי ביי די מצוה מען מען זיך מטמא זיין אבי מטהר זיין א צווייטן איד, אזוי אויך איבעראל מעג מען זיך אנשליסן מיט רשעים כדי אויפצוטוהן פאר אידישקייט.

לפיכך כתב בה חקה: גזירה היא מלפני, אזא גזירה קען נאר דער אויבערשטער, ואין לך רשות להרהר אחריה, אבער א בשר ודם טאר אזוי זיך נישט פירן.
דברי יואל

--

**די גמרא ברענגט אין מסכת קידושין (לא.) די מעשה פון דמא בן נתינה:**

אמר רב יהודה אמר שמואל, שאלו את ר' אליעזר עד היכן כיבוד אב ואם? אמר להם צאו וראו מה עשה עובד כוכבים אחד לאביו באשקלון ודמא בן נתינה שמו, בקשו ממנו חכמים אבנים לאפוד בששים ריבוא שכר, ורב כהנא מתני בשמונים ריבוא, והיה מפתח מונח תחת מראשותיו של אביו ולא ציערו. לשנה האחרת נתן הקב"ה שכרו שנולדה לו פרה אדומה בעדרו. נכנסו חכמי ישראל אצלו, אמר להם: יודע אני בכם שאם אני מבקש מכם כל ממון שבעולם אתם נותנין לי, אלא אין אני מבקש מכם אלא אותו ממון שהפסדתי בשביל כבוד אבא!

פרעגט זיך דאך די קשיא, פארוואס האט ער באקומען זיין שכר דוקא דורך א פרה אדומה?

ענטפערט דער חידושי הרי"ם זי"ע: די מצוה וואס דער גוי, דמא בן נתינה האט געטוהן, האט מעורר געווען אין הימל א גרויסע קטרוג אויף אידישע קינדער. "זעה נאר דער גוי וויפיל געלד ער איז גרייט צו דערלייגן אלס פאר'ן כבוד פון זיין טאטן!" האט הקב"ה געמאכט עס זאל ביי אים אין סטאדע געבוירן ווערן א רויטע קוה, צו ווייזן אז דער גוי איז טאקע מסוגל אויסצוגעבן אסאך געלט פאר א מצוה וואס די שכל איז מחייב, יעדער פארשטייט דאך אז מען דארף אפגעבן כבוד פאר טאטע מאמע. אבער די אידן זענען אסאך חשוב'ער, ווייל זיי קומען און קויפן אפ טאקע פון דעם דמא בן נתינה א רויטע קוה פאר אסטראנאמישע סומעס. וואס איז דען? ווייל די קוה איז רויט? דאס איז א מצוה וואס די שכל פארשטייט גארנישט, עס איז דאך א חוקה אן קיין טעם!

און דאס האט אפגעשטילט די קטרוג.

--

**אֲשֶׁר אֵין בָּהּ מוּם אֲשֶׁר לֹא עָלָה עָלֶיהָ עֹל:**

טייטשט דער רבי פון לובלין זי"ע: "אשר אין בה מום", א מענטש וואס מיינט אז ער האט נישט קיין שום פעלער, אֲשֶׁר לֹא עָלָה עָלֶיהָ עֹל - איז דאס ווייל ער האט נאך נישט אנגענומען אויף זיך דער "עול מלכות שמים" ווי עס דארף צו זיין. ווייל ווען יא וואלט ער שוין איינגעזעהן זיינע פעלערס.

--

**הוּא יִתְחַטָּא בוֹ בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יִטְהָר, וְאִם לֹא יִתְחַטָּא בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי לֹא יִטְהָר: (יט, יב)**

ביום השלישי איז מרמז אויף די תורה הקדושה, אזוי ווי די גמרא (מסכת שבת, אוריין תליתאי) רעכנט אויס אסאך זאכן וואס די תורה איז געדריטלט, עס איז געגעבן געווארן דורך משה רבינו דער דריטער, וואס ער שטאמט פון שבט לוי וואס זיי זענען די דריטע, צו די אידן וואס זענען איינגעטיילט אויף דריי כהן לוי ישראל. און נאך עטליכע זאכן וואס די תורה איז געדריטלט.

יום השביעי מיינט מען שבת קודש וואס איז דער זיבעטער טאג אין דער וואך.

דאס זאגט די תורה אן: הוא יִתְחַטָּא בוֹ - אז א מענטש וויל זיך ריינגן ער וויל אז דער אויבערשטער זאל אים מוחל זיין זיינע עבירות, דארף מען טוהן די צוויי זאכן,



צו אדווערטייזען אדער צו מעלדן אייער שמחה ביטע רופט: 718-303-4300

איינס בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי - מען דארף עוסק זיין בתורה. וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי - און מען דארף היטן שבת קודש כהלכתו. נאר אזוי קען מען זיך רייניגן פון עבירות.

באר מים חיים

--

**וְדִבַּרְתֶּם אֶל הַסֶּלַע לְעֵינֵיהֶם וְנָתַן מֵימָיו וְהוֹצֵאתָ לָהֶם מַיִם מִן הַסֶּלַע וגו' (כ, ח)**

מען קען מדקדק זיין אין פסוק, קודם שטייט מֵימָיו, און דערנאך מַיִם, אפילו נישט "הַמַּיִם". בכלל איז שווער די לשון וְנָתַן מֵימָיו, א שטיין האט דען וואסער צו געבן? איז ער דען א קוואל?

נאר אין יעדע זאך איז פארהאן פון די ארבע יסודות, אש רוח עפר מים. אויך אינעם סלע איז דא פונעם יסוד מים. טאמער וואלט פארבליבן אין די סלע פון די נאטירליכע וואסער וואס ער האט פון די ד' יסודות, וואלט נישט די נס געווען בגדר יש מאין, און עס וואלט נישט געווען אזא גרויסער נס. דעריבער, כדי גרעסער צו מאכן די נס, האט השי"ת געזאגט וְדִבַּרְתֶּם אֶל הַסֶּלַע וְנָתַן מֵימָיו – קודם זאל די שטיין ארויסגעבן זיין גאנצע נאטירליכע וואסער וואס ער פארמאגט אין זיך ביז עס וועט גארנישט פארבלייבן אין אים פון די יסוד פון וואסער. דאן ערשט וְהוֹצֵאתָ לָהֶם מַיִם מִן הַסֶּלַע – זאלסטו ארויסציען וואסער פונעם שטיין און געבן צו טרינקען פאר'ן גאנצן עדה און זייערע פיה, אזוי ארום וועט עס זיין א גרויסער נס, א יש מאין.

יבין שמועה עה"ת

--

**וַיְמָאֵן אֱדוֹם נְתֹן אֶת יִשְׂרָאֵל עֲבֹר בִּגְבֻלוֹ וַיֵּט יִשְׂרָאֵל מֵעָלָיו: (כ, כא)**

דערציילן חסידים: אמאל האט אן ארימאן זיך באקלאגט פאר רבי ר' מאיר'ל פרימישלאנער זי"ע אז ער איז אנגעקומען ביינאכט אין א דערפל פון זיינע גלילות און געזוכט וואו אוועקצולייגן דעם קאפ. פונקט האט ער אנגעקלאפט ביים שוחט אין שטוב. אבער דער שוחט האט אים נישט געלאזט איבערנעכטיגן ביי זיך אין שטוב.

האט דער רבי מעביר געווען דעם שוחט פון זיין שחיטה-פאסטן. ווען דער שוחט האט אויפגעהויבן א ויצעקו, האט אים דער רבי מסביר געווען זיינע מאטיוון:

א שוחט ווייסן מיר איז געבוירן אין מזל מאדים. ווייל די גמרא זאגט אין שבת (קנ"ו.) אז דער וואס איז געבוירן אין מזל מאדים וועט זיין א בלוט פארגיסער: אדער א רויבער, אדער א שוחט, אדער א מוהל. טאמער טוישט ער זיין טבע און טוט דערמיט א מצוה, ער ווערט א שוחט אדער מוהל, איז זייער גוט. אבער ווען ער לאזט א נעבעכדיגן איד נישט אריבער דעם שוועל פון זיין שטוב אינמיטן נאכט, איז דאך א סימן אז ער איז געבליבן דער זעלבער מזל מאדים'דיגער.

און דער הייליגער פרימישלאנער האט עס כדרכו בקודש אריינגעטייטש אין פסוק:

וַיְמָאֵן אֱדוֹם נְתֹן אֶת יִשְׂרָאֵל עֲבֹר בִּגְבֻלוֹ – ווען דער אדום, דער שוחט וואס איז געבוירן אין מזל מאדים, ערלויבט נישט קיין אידן אריין אין זיין גבול, דאן וַיֵּט יִשְׂרָאֵל מֵעָלָיו – דארפן אידן פון אים זיך אפקערן און מען טאר נישט עסן פון זיין שחיטה...




"טייערע עלטערן"

לאמיר העלפן אייער בחור/יונגעל זאלן שטייגען די מאקסימום

**חסדי ראדאשיץ פארט מיט אייך מיט אין קעמפ**

כדי אייער בחור/יונגעל זאלן שטייגען אויף די בערג אין תורה יר"ש

מידות טובות און שמחת החיים

**מיר האבן חשוב'ע יונגעלייט פאר חצי חצי בחינם**

**347-585-6455**

לעילוי נשמת הרה"ק רבי ישכר בער ב"ר יצחק מראדאשיץ זי"ע

חסדי ראדאשיץ

**To Advertise Or To Place Your Simcha Please Call: 718-303-4300**

ביהמ"ד קהל חסידי ניקלשבורג
כולל ד'בארא פארק

**4912 16th Avenue**

בנשיאות הגה"צ רבי מרדכי יונגרייז שליט"א

---

# בשורה טובה!

## שמחים אנו בזה להודיע
## לכל הציבור הרחוב הע"י
## שעלה בידינו לפתוח דלתות
## בית המדרש של וואודבארן

**CONG. BNEI ISRAEL**

**ROUTE 52, WOODBOURNE NY**

## בעזרת השי"ת יתקיים
## מנינים לשחרית מנחה ומעריב
## ושיעורי תורה

**הזמנים יתפרסמו במודעה נפרדת**



צו אדווערטייזען אדער צו מעלדן אייער שמחה ביטע רופט: 718-303-4300






To Advertise Or To Place Your Simcha Please Call: 718-303-4300